בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' שופטים

**כיתה ב' (א-ב)**

**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** די ערשטע 13 פסוקים פון אנהייב פרשה

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**מושגים:** מיר האבן ארומגערעדט די ענינים פון: משפט, שוחד, לשם שמים, השגת גבול.

**הלכה:** מיר האבן געענדיגט די ל"ט מלאכות, ממחק און משרטט.

**סיפורים:** מיר שיקן א "דף לקריאה" א מעשה, די קינדער זאלן עס ליינען במשך'ן שבת.

**מיוחד להשבוע:** נישט פארגעסן צוריק צו ברענגען זונטיג די "מעשה ביכל".

**א גוט שבת**

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

## שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך וגו'

מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער וואס איז די ענין פון די שופטים מיט די שוטרים, אז שלמה המלך האט געזאגט אז אונזער תורה איז דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום, און די משפט איז די קיום העולם, און אויב א מענטש האט א שאלה אדער א קריגעריי מיט איינעם טאר ער נישט גיין מיט כח נאר ער דארף גיין צום בית דין זיי וועלן פסק'ענען ווער עס איז גערעכט.

און מ'טאר נישט געבן פאר'ן בית דין קיין שוחד, שוחד מיינט כסט פאר'ן דיין אז ער זאל פסק'ענען אזוי ווי איהם אז ער איז גערעכט, ווייל מ'קען נישט פסקענען ריכטיג אויב מ'באקומט שוחד.

## צדק צדק תרדוף

מיר האבן מסביר געווען אז בית דין דארף אויספארשטן די עדים כדי צו ארויסבאקומען די אמת, און ער זאל ח"ו נישט זיין קיין פאפער.

## מ'טאר נישט שחט'ן נישט לשם שמים

מ'טאר נישט שחט'ן א קרבן נישט אויף די כוונה פון די קרבן, אדער בעל מום, און אזוי אויך טאר מען נישט איינפלאנצן א בוים פאר עבודה זרה, און אזוי אויך טאר מען נישט איינפלאנצן א בוים אין הר הבית ווייל ס'איז א הייליג פלאץ.

## לא תכירו פנים

מיר האבן ערקלערט אז בשעת די משפט דארף מען רעדן צוביידע די זעלבע זאך, און נישט פאר איינעם זאל ער הייסן שטיין און איינעם זיצן, אדער פאר איינעם וועט ער רעדן שטרענג און פאר איינעם ווייעך.

## על פי שנים עדים יומת המת

מיר האבן מסביר געווען אז מ'הרג'עט נישט נאר דורך צוויי אדער דריי עדים, און נישט דורך איין עד וואס קומט עדות זאגן. און די עדים פארשטיינערן איהם די ערשטע און נאכדעם די גאנצע שטאט, און מ'הרג'עט איהם אין די שטאט וואס ער האט געמאכט די עבירה.

## כי יפלא ממך דבר למשפט

טאמער ס'איז דא חילוקים צווישן די בתי דינים דעמאלטס גייט מען אין בית המקדש פרעגן די כהנים און זיי וועלן זאגן וואס צו טוהן.

## שום תשים עליך מלך

מיר האבן מסביר געווען אז מלך נעמט מען נאר פון די אידן און נישט פון די גוים, און א מלך טאר נישט האבן אסאך פרויען, און ער טאר נישט נאכלויפן נאך גאלד און זילבער, און ער דארף זיך שרייבן א ספר תורה כדי ער זאל קענען לערנען און ליינען אין דעסן א גאנץ לעבן.

## תמים תהיה עם ה' אלוקיך

מיר האבן מסביר געווען אז מ'דארף מאכן די מצוות פון דער אייבישטער און קיין שאלות.

## השגת גבול

מיר האבן מסביר געווען אז מ'טאר נישט משיג גבול זיין פאר א חבר, און מ'טאר נישט עפענען א געשעפט אקעגן זיין חבר'ס געשעפט, און מ'טאר נישט פארדארבן און אפשניידן א בוים וואס געבט ארויס פירות, און בעזהשי"ת ווען די בית המקדש וועט אויפגעבויט ווערן וועלן אויך די פשוטעביימער ארויסגעבן פירות.

## חודש אלול

מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער אז אין חודש אלול דארף מען זיך דערמאנען אויב מ'האט געטוהן ח"ו א עבירה דארף מען תשובה טוהן אויף דעם, און אויב מ'האט געטשעפעט א חבר אדער א טאטע, מאמע, א.א.וו. דארף מען זיי איבערבעטן.

# שאלות מיט תשובות

**א. פארוואס האט מען געדארפט האבן שופטים מיט שוטרים?**

כדי די אידן זאלן זיך נישט קריגן, און יעדע שאלה זאלן זיי קענען פרעגן די שופטים וואס צו טוהן.

**ב. וואס מיינט שוחד? און מ'מעג געבן שוחד ?**

שוחד מיינט אז מ'געבט פאר דעם דיין געלט אז ער זאל פסקענען אזוי ווי איהם, און מ'טאר נישט מאכן אזוי ווייל ער וועט נישט פסק'ענען אזוי ווי די דין איז אין די תורה.

**ג. ווי אזוי ווייסט מען אויב ער זאגט אמת?**

מ'פארשט אויס די עדים וואס ס'איז פונקטליך געווען כדי זיי זאלן נישט זאגן קיין ליגנט.

**ד. די בית דין מעג הייסן פאר איינעם שטיין און פאר איינעם זיצן?**

ניין, מ'טאר נישט מאכן אנדערש צווישן איינעם און דעם אנדערן.

**ה. וויפיל עדים דארפן זאגן עדות?**

צוויי אדער דריי עדות דארפן עדות זאגן.

**ו. וואס טוט מען אויב ס'איז דא חילוקים צווישן די דיינים?**

מ'גייט פרעגן פאר די כהנים אין ירושלים.

**ז. וועלכע בוימער טאר מען נישט איינפלאנצן?**

א בוים פאר עבודה זרה, און ביימער אין בית המקדש.

**ח. וואס איז טייטש "תמים תהיה עם ה' אלוקיך"?**

אז מ'דארף אננעמען אלעס וואס געשעהט, און נישט נאכפרעגן וואס ס'גייט געשעהן.

**ט. וואס מיינט "השגת גבול"?**

מ'טאר נישט עפענען א געשעפט אקעגן זיין חבר'ס געשעפט.

**י. וועלכע בוים טאר מען נישט אויסרייסן?**

א בוים וואס געבט ארויס פירות.

**יא. וועלכע חודש איז יעצט?**

חודש אלול.

**יב. וועלכע דארף מען טוהן אין חודש אלול?**

זיך דערמאנען וועלכע עבירות מ'האט געטוהן א גאנץ יאר און תשובה טוהן.

**יג. וואס טוט מען מען יעדן צופרי אין חודש אלול?**

מ'בלאזט מיט א שופר צו דערמאנען אז מ'דארף תשובה טוהן.



# כז. ממחק

מ'טאר נישט שבת אראפ נעמען די האר כדי צו אויסגראדן די פלייש.

און די זעלבע זאך טאר מען נישט אראפ קראצן טיט.



# כח. משרטט

מ'טאר נישט אנצייכענען אין שבת פסים אויף די הויט פון די בהמה כדי צו מאכן א סימן ווי אזוי עס צו צושניידן.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ן**

**חומש:** ____________________________________________

**סיפר פרשת השבוע:** __________________________________

**שירים:** ____________________________________________

**נושא השבוע:** _______________________________________

**ברכת המזון:** _______________________________________

**התנהגות כללית:** ____________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** __________________________________

**התפלל:** ___________________________________________

**הערות:** ___________________________________________

**חתימת ההורים** ______________________